# פּרעמיער פון ליטע אַנאָנסירט דעם שענדליכן אָפּקויף פון טיילן פון בית הקברות אין ווילנא

אינמיטן די הייליגע טעג, ווען אידן זענען מתפלל צו השי"ת אין זכות פון די שוכני עפר, האָט זיי געטראָפן דער סטעיטמענט פון פרעמיער מיניסטער פון ווילנא אַז ער האָט אונטערגעשריבן דעם "מקח" פון דעם "ספּאָרט פּלאַץ" וועלכן די ליטע רעגירונג קויפט אָפּ פון די באַנקראָטירטע "אוקיו" באַנק פאַר די סומע פון 6 מיליאָן יוראָ, מיט'ן ציל איבערצובויען דעם אלטן רואינירטן בנין וועלכער שטייט אין האַרץ פון אור-אלטן שיניפישעק בית עלמין צו אַ ריזיגן קאנגרעסן סענטער.

דער פרעמיער מיניסטער האָט בשעת'ן אונטערשרייבן דעם אפּקויף ווידעראַמאָל אַנאָנסירט אז דאָס וועט ברענגען ריזיגע עקאָנאָמישע פאַרדינסטן פאַר ליטע. ערקלערנדיג אַז דאָס וועט ווערן אַ ריזיגער צי-פונקט פאר טוריזם פון די גאַנצע וועלט. ער האָט צוגעגעבן אַז דער צענטער וועט דינען פאַר קולטורעלע און ביזנעס צוועקן צוגלייך. לחרפתינו האָט ער ווידער דערמאַנט אז ער האָט די שטיצע פון זיינע אידישע קאָלאַבאָראַטאָרן מיט וועלכע ער טוט זיך באַראָטן.

דער פרישער פרואוו צו פאַרכאַפּן גרויסע שטחים פון דעם אור-אלטן הייליגן בית החיים, האָט ערשיטערט די אידישע קהלות איבער די וועלט, וועלכע האָבן געהאָפט אַז די ליטע רעגירונג וועט זיך באַזינען און צוריקטרעטן פון דעם בייזוויליגן פּלאַן. וואס אויב ח"ו וועט עס דורכגעפירט ווערן וועט דאָס פאַרפלייצן די געגנט מיט פילע טויזנטער גויים, וואס וועלן טרעטן און כסדר פאַרשוועכן דעם כבוד פון די מתים ר"ל. און די געפאר איז גרויס אַז מיט באַשטימען דאָס פלאַץ און אַרום צו אַזאַ גיגאַנטישן גוי'אישן סענטער וועט ח"ו פראָמינענט אָפּגעווישט ווערן יעדן זכר אַז אונטער די ערד זענען באַהאַלטן טויזנטער אידישע נפטרים פון גאָר פאַרצייטישע תקופות. צווישן זיי קדושי עליון גאוני עולם.

דאָס יהדות החרדית איז אַנטשלאָסן ווייטער צו באַקעמפן דעם ווִיסטע פּלאַן פון אויסרייסן חלקים פון דעם ווילנא בית עולם, און וועט בעזהי"ת נישט רוען און מרעיש עולמות זיין להעביר את רוע הגזירה.